**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/30/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער HOCHUL מעלדט אז אויסמיידן צו צאלן אויפן סובוועי איז אראפ 26 פראצענט אין ניו יארק סיטי

***באצייכנט אנגייענדע ארבעט צו ווייטער רעדוצירן צאלן אויסמיידונג לענגאויס טראנזיט סיסטעם***

***סטראטעגישע איינשטעלונג, שטערקערע אינפארסירונג און קלוגערע טורנסטיילס טוישן די כוואליע קעגן אויסמיידן צאלן - העלפנדיג צו באשיצן טראנזיט רייזנדער און שטייערצאלער, און פארשטערקערן טראנזיט סיסטעם***

***אויפפארדערונגען ארויסגעגעבן פאר צאלונג אויסמיידונג פארמערט מיט 96 פראצענט אין 2024 אין פארגלייך צו 2019***

***פונדאסניי אויסשטעלן אלע סובוועי טורנסטיילס צו פארמיידן בעק-קאקינג צו ווערן פארענדיגט דעם יאר און נאך צאלונג אויסמיידונג מאסנאמען צו ווערן אינסטאלירט***

**נייע מאדערנע צאלונג צוימען אינסטאלירט אין נאך 20 סטאנציעס דעם יאר**

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן באדייטנדע פארשריט אויף פיל-זייטיגע באמיאונגען צו באקעמפן צאלונג אויסמיידונג דורכאויס די מעטראפאליטאן טראנספארטאציע אטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority MTA). אין די לעצטע זעקס חדשים, פון יוני 2024 ביז דעצעמבער 2024, איז סובוועי צאלן אויסמיידונג אראפ מיט 26 פראצענט. לענגאויס באסעס, אריינגערעכנט סיי לאקאלע און עקספרעס באס נעטווארק, איז צאלן אויסמיידונג אראפ מיט 9.1 פראצענט איבער די זעלבע צייט אפשניט. די פארשריט פאלגט נאך אן ארומנעמענדע סטראטעגישע אפרוף איינגעפירט דורך גאווארנער Hochul (האקול), MTA און NYPD - אריינגערעכנט סטראטעגישע איינשטעלונג פון אינפארסירונג, טוישונגען צו צאלונג צוימען אין עטליכע טראנזיט סטאנציעס, און אנדערע מאסנאמען וואס העלפט צו רעדוצירן צאלן אויסמיידונג. די גאווארנער האט אויך באצייכנט אנגייענדע באמיאונגען צו ווייטער זיך באציען צו צאלן אויסמיידונג, אריינגערעכנט נייע אנטי-צאלן מאסנאמען וואס וועט ווערן איינגעשטעלט אין אלע סובוועי טורנסטיילס דעם יאר און נייע צאלן צוימען וואס ווערט אינסטאלירט אין 20 הויכע-טרעפיק סטאנציעס דאס יאר.

"מיר טוישן די כוואליע קעגן אויסמיידן צאלן העלפנדיג צו באשיצן טראנזיט רייזנדער און שטייערצאלער און ווייטער פארשטערקערן אונזער טראנזיט סיסטעם," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט**. "אונזער ארבעט איז נאך ווייט פון פארענדיגט - און מיר וועלן זיך ווייטער באציען צו צאלן אויסמיידונג דאס יאר דורך שטארקע אינפארסירונג און נייע מאסנאמען וואס וועלן גענומען ווערן ביי סובוועי טורנסטיילס און צאלן צוימען דורכאויס די סיסטעם."

**MTA טשעיר און Janno Lieber CEO (דשאנא ליבער) האט געזאגט,** "אונזער סטראטעגיע איז געווען צו פאבליצירן די ערנסטקייט פונעם פראבלעם, איינצושטעלן שטערקערע פיזישע צוימען, און צו מאכן זיכער אז עס איז דא גענונג אינפארסירונג. מיר נעמען אן די שטיצע וואס מיר באקומען פון גאווארנער Hochul (האקול) און די NYPD, און אויך די ארבעט וואס MTAPD טוט אויף די שינעס, און דאס אלעס ברענגט יעצט רעזולטאטן."

**NYC טראנזיט פרעזידענט Demetrius Crichlow (דעמעטריוס קרישלאוו) האט געזאגט,** "צאלן אויסמיידונג ברעכט אונטער די סיסטעם וואס פירט ניו יארק סיטי און שטעלט צו וויכטיגע טראנספארטאציע פאר אונזערע קאמיוניטיס. אונזער שטאב האט געמאכט שטארקע פארשריט, נידערנדיג צאלן אויסמיידונג פאר די ערשטע מאל אין יארן. מיר וועלן וויטער אויספארשן אלע מאסנאמען און וועגן צו פארזיכערן צאלן איינהאלטונג און אנהאלטן א סיסטעם וואס איז גלייך פאר יעדעם."

**NYPD קאמישענער Jessica S. Tisch (דשעסיקא ס. טיש) האט געזאגט,** "די באדייטדנדע נידערונג אין צאלן אויסמיידונג איז א קריטישע ערשטע שריט אין אונזערע באמיאונגען צו מאכן די טראנזיט סיסטעם מער פארזיכערט פאר אלע ניו יארקערס. יעדער זאל קענען פארן אויפן סובוועי אן שרעק פון געוואלדטאטן אדער כאאס, און די NYPD וועט ווייטער באוואכן יעדע סטאנציע און איבערנאכט באן צו פארזיכערן אז פארברעכן גייט ווייטער אראפ לענגאויס אונזער טראנזיט סיסטעם. איך דאנק גאווערנער Hochul (האקול) און לדי MTA פאר זייער פארטנערשאפט צו האלטן אונזער סיטי פארזיכערט."

לויט די MTA'ס בלויע-ריבאן פאנעל (Blue-Ribbon Panel) רעפארט, האט די צושטאנד פון צאלן אויסמיידונג דערגרייכט קריזיס שטאפלען, ווען די MTA פארלירט א געשאצטע 690 מיליאן דאלאר אין נישט געצאלטע פעירס און טאלס אין 2022.

צו נידערן צאלונג אויסמיידונג, האבן גאווארנער Hochul (האקול) און די MTA גענוצט רעקאמענדאציעס פונעם רעפארט צו פאראויסרוקן אן ארומנעמענדע סטראטעגיע וואס האט אריינגערעכנט סטראטעגישע איינשטעלונג פון אינפארסירונג און אנגייענדע מאדערניזירונג פון טורנסטיילס און צאלן צוימען, ווי אויך אנדערע מאסנאמען. די באמיאונג האט אויך אריינגענומען פארשטערקערן קאארדינאציע מיט NYPD צו שטיצן אויפן-פלאץ רעסאורסעס און פארמערן די נומער פון אויפפאדערונגען פאר צאלן אויסמיידונג.

די רעזולטאטן האבן געוויזן קלארע פארשריט. פון יוני 2024 ביז דעצעמבער 2024, איז סובוועי צאלן אויסמיידונג אראפ מיט 26 פראצענט - פון 14 פראצענט פון סובוועי רייזנדער וואס מיידן אויס צו צאלן צו 10 פראצענט. לענגאויס באסעס, אריינגערעכנט סיי לאקאלע און עקספרעס באס נעטווארק, איז צאלן אויסמיידונג אראפ מיט 9.1 פראצענט - פון 50 פראצענט רייזנדער וואס מיידן אויס צו צאלן לעצטע זומער אראפ צו 45 פראצענט, אפצייכענענדיג א שטארקע רוק אין באקעמפן צאלן אויסמיידונג.

**סטראטעגישע איינשטעלונג פון אינפארסירונג**

**NYPD צוזאמענארבעט**

NYPD האט ארויסגעגעבן 143,100 TAB אויפפאדערונגען פאר סובוועי צאלן אויסמיידונג אין 2024, א 96 פראצענט העכערונג פון 2019. NYPD האט אויך געשאפן א נייע יוניפארמד באס אינפארסירונג יוניט (Bus Enforcement Unit) וואס איז געווארן איינגעשטעלט צוזאמען מיט די MTA'ס "EAGLE שטאב" צו שטיצן צאלן איינהאלטונג לענגאויס אלע פינף באראוס.

**באס צאלן אינפארסירונג: MTA EAGLE שטאב**

נאכפאלגנדיק רעקאמענדאציעס פון די בלויע-ריבאן פאנעל רעפארט, האט די MTA גענומען א דאטא-געשטיצטע צוגאנג צו פארבעסערן איינשטעלונג פונעם EAGLE שטאב, די MTA'ס ציווילע באס צאלונג אונטערזוכונג שטאב, צו די באס סטאפס און צייטן פונעם טאג מיט די העכסטע קאנצענטראציע פון צאלן אויסמיידער. EAGLE שטאב אונטערזוכער דארפן אונטערשוכן צאלונגען אויף לקאלע און SBS באס ראוטס, און מיט NYPD שטיצע, וועלן די אפיצירן סיי ערציען מיטגלידער פונעם קאמיוניטי איבער פעיר צאלן מעגליכקייטן און ארויסגעבן אויפפאדערונגען. די MTA האט זיך צוגעשטעלט צו EAGLE שטאב איינשטעונג, אינפארסירנדיג באס פעיר צאלונג אויף 148,000 באסעס אויף איבער 370 סטאפס זינט סעפטעמבער 2024. אין 2025, וועט די MTA אויך איינשטעלן סענסארס און סקרינס אויף באסער צו ווייטער נאכקוקן און פארמיידן צאלן אויסמיידונג.

**סובוועי צאלן אינפארסירונג - צוימען ווערכטער**

די MTA האט איינגעשטעלט נישט באוואפנטע צוימען ווערכטער לענגאויס מער ווי 208 סובוועי סטאנציעס, א פארברייטערונג פון 50 סטאנציעס, נעמענדיג א דאטא-געפירטע צוגאנג צו פארבעסערן איינשטעלונגען באזירט אויף סטאנציע אייגנשאפטן, רייזנדער פעטערנס און נאך. צוימען ווערכטער האלט אפ צאלן אויסמיידונג.

**אומגעבונג: פארבעסערן די צאלן קאנטראל אומגעבונג**

פארברייטערנדיג אויף עטליכע סוקסעספולע פילאטס פון 2024, פאנגט די MTA אן דאטא-געשטיצטע טוישונגען צו מער צאלן צוימען לענגואיס די סובוועי סיסטעם און ערווארט צו זען א נאך גרעסערע ווירקונג דורך צאמשטעלן עטליכע באמיאונגען צוזאמען.

**טורנסטייל טוישונגען**

די MTA האט געמאכט שריט צו באהאנדלען אויסמיידונג טאקטיקן ביי די טורנסטיילס צו שאפן שטערקערע, מער שטאנדהאפטיגע צוימען אנטקעגן צאלן אויסמיידונג. דאס נעמט אריין ווידעראויסשטעלן די טורנסטיילס צו פארמיידן בעק-קאקינג ביי 75 פראצענט פון אלע טורנסטיילס און אינסטאלירונג פון טורנסטייל פינס ביי 20 צאלן קאנטראל ערטער, וואס האבן אנטמוטיגט און פארמינערט די נומער פון מענטשן וואס טאנצן איבערן טורנסטייל.

אין די קומענדיגע חדשים, וועט די MTA העכערן די איניציאטיוו און איינפירן א נייערע גענעראציע פון פינס, איינפירן נאך קעגן-טאנצן אינטערוועניראונגען, און פארענדיגן אנטי בעק-קאקינג טוישונגען ביי די איבריגע טורנסטיילס לענגאויס דעם סיסטעם.

**אפשטעלן די "סופערהייוועי" פון צאלן אויסמיידונג**

אפהאלטן די עפענונג פון די עמערדשענסי עקזיט צום מיט 15 סעקונדעס איז אויפגעוויזן געווארן צו זיין קאסט עפעקטיוו אין פילאטס, מינערנדיג צום אויסמיידונג מיט באלד 40 פראצענט. די MTA וועט בויען אויף די סוקסעספולע פילאט און איינפירן די אפהאלט ביי עקזיט צויעמן אין כאטש 150 סטאנצעיס אין 2025, אנגעפאנגען ביי 34 St-Penn Station, Canal St, 161 St-Yankee Stadium, און Jay St-MetroTech.

**מאדערנע צאלן צוימען**

די MTA האט ערזעצט טראדיציאנעלע עמעדשענסי עקזיט צוימען מיט נייע, צוטריטליכע ברייטע-דורכגאנג צוימען ביי Atlantic Av-Barclays Center, 34 St-Penn Station און Astoria Blvd, און איינגעפירט א נייע פולע רייע ביי Sutphin Blvd-Archer Av, וואו פעיר צאלונג איז געשטיגן דורך 20 פראצענט אין פארגלייך צו 2023.

אין דעצעמבער 2023, האט די MTA ארויסגעשטעלט א פארלאנג פאר אינפארמאציע (RFI) צו קוואליפיצירן די קומענדיגע דור פון פארזיכערטע, צוטריטליכע און מאדערנע פעיר צוימען. נאכן באקומען און אפשאצן 12 אפרופן פון צום פארקויפער, האט די MTA אנגעפאנגען אין-לעב טעסטינג פון גוטע צוים טעכנאלאגיע. די MTA וועט דורכפירן אין-סיסטעם טעסטינג און איינפירונג פון נייע פעיר צוימען ביי 20 סטאנציעס ביזן סוף פון 2025, און נאך 20 סטאנציעס אין 2026.

די MTA גיבן פריאריטעט פאר סטאנציעס מיט העכערע צאלן פאסאנזשירן, צוגענגליכקייט מאסנאמען און די וואו עס זענען דא העכערע ראטעס פון מענטשן וואס דרייען זיך ארויס פון באצאלן. ערשטיגע אינסטאלאציע איז געסקעדזשולט זיך צו אנהויבן ביי 42 St-Port Authority, Delancey St-Essex St און Roosevelt Av-Jackson Heights.

די MTA'ס פארגעשלאגענע 2025-2029 קאפיטאל פלאן וועט נאכמער פארשנעלערן די איינפירונג, אריינגערעכנט 1.1 ביליאן דאלאר צו איינשטעלן מאדערנע פעיר צוימען אין כאטש 150 סטאנציעס לענגאויס דעם סיסטעם.

**נאך סטראטעגיעס צו פארמינערן דאס זיך ארויסדרייען פון צאלן**

אין 2024, האט די MTA אנגעפאנגען אננעמען די בעסטע פראקטיצירונגען אין אויפפירונג טויש צו ווייטער אינפארסירן די נויט פאר פעיר צאלונג. דורך קאמפיינען וואס באצייכענען די מענטשליכקייט פון טראנזיט ארבעטער און שאפן א געפיל פון פאראייניגטע פאראנטווארטליכקייט צו דיגיטאלע סיינס אויף באסעס וואס זאגן אז פעירס זענען פארלאנגט, שטעלט די MTA אוועק סאציאלע נארמען ארום פעיר צאלונגען.

די MTA'ס ארבעט מיט NYCPS צו מוטיגן סטודענטן באנוץ פון OMNY קארטלעך פארשטערקערט די וויכטיגקייט פון פעיר צאלונג. זינט די אנפאנג פון סטודענט OMNY קארטלעך אין סעפטעמבער איז געווען א 51 פראצענט העכערונג אין רייזעס און 18 פראצענט העכערונג אין וועכנטליכע אקטיווע רייזעס צווישן סטודענטן. עס איז אויך געווען א 27 פראצענט העכערונג אין טעפס-פער-אקטיווע-קארטל דורכאויס די פריערדיגע סעמעסטער אין פארגלייך צו 2023. די נייע פארטנערשאפט מיט ניו יארק סיטי פאבליק שולעס (NYCPS) האט געברענגט אנהאלטנדע פראוד נאכקוקונג צו פארזיכערן א ז סטודענט קארטלעך ווערן גענוצט דורכן סטודענט צו וועמען עס איז געגעבן געווארן. די MTA האט אויך געשאפן 15 קאסטומער סערוויס צענטערן וואס וועלן ווערן אינטעגרירט מיט איינשרייבונג אין Fair Fares, די סיטי און ניו יארק'ס פראגראם צוזשטעלן בארעכטיגטע ניו יארקערס מיט האלבע-פרייז מעטראקארטלעך און OMNY קאנטעס, ווי אויך די MTA'ס רעדוצירטע-פעיר פראגראם.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן